בעזהי״ת

ספר

# אור הצניעות בישראל

הספר הזה נעשה ונגמר לזכות הרבים הנכשלים בלי יודעים באיסור יחוד החמור, אצל רופאים המיוחדים לצרכי נשים, וגם שאר רופאים קלים ופושעים שעלולים לקלקל צניעות וקדושת בנות ישראל. ערו ערו עד היסוד, וידענו שרבים מאחנו בני ישראל משתוקקים לידע דרך הישר לילך בה והמעשה אשר יעשו להנצל מאיסור יחוד ושאר מכשולות הנוראות.

גם הוספנו כל דיני יחוד עם עכו״ם, ונפק״מ גם לאנשים כמבואר בפנים.

עוד ספחנו כל פרטי דיני יחוד לחתן וכלה אחר החופה, ואקוה בעזר השי״ת שהמעיין בספרי זה ירוה צמאון השתוקקותו האיך לנהוג עפ״י התורה.

— ברוקלין, יצ״ו • שנת תשמ״ב —
יצא לאור ע״י חברה מזכי הרבים

# הקדמה
## (פארווארט)
## לס׳ אור הצניעות בישראל

דער דאָזיגער ספר איז געצילט אויפצוקלערן די פרשה פון דאקטורישע באזיכען (Doctor Visits) וואס גראבט ליידער אונטער היינט צו טאָג די סאמע וויכטיגסטע יסודות פון אידישקייט און טהרת המשפחה.

אַמאָליגע צייטען איז פיהל גרינגער געווען דער געביט ווי היינט, עס איז נישט געווען איינגעפירט צו גיין רעגעלמעסיג יעדע וואָך אָדער יעדען חודש לאנגע חדשים צום דאקטער אהנע דירעקטע געזונטהייט צוועק וואס דאס ברענגט ליידער טייל מאל גדויסע חורבנות, אפילו צו אלגעמיינע דאקטורים פלעגט מען אויך נישט גיין באַזוכען מיט יעדע קלייניקייט אזוי ווי היינט צו טאג, מען פלעגט זיך מער אָפּגעבען מיט היימישע רפואות, דעדצו איז די לופט געווען ריינער, די עסענ׳ס נאטירליך, און די מענטשען שטארקער און געזונטער, היינט ליידער האט זיך דאס רעדעל א דריי געטוהן אויף לינקס, עס איז געווארען א מהפכה כמעט אלע עסענווארג זענען אומנאטירליך (Synthetic) אזוי ווי די וויסענשאַפט פאַרשערס געבען איבער, בהמות צב״ש ווערן געהאדוועט מיט שעדליכע כעמישע שטאפען און אסאך מעדעצינען מיט אינעקציאנען (נידעלס), פונעם ברויט ווערט ארויס גענומען די עיקר וויטאמינען, מילעכיגע פראדוקטען ווערען נישט געמאכט נאטירליך, אייער אויך נישט, בפרט פדויזען אייער (Frozen Eggs) און עג פאדער (Egg Powder), ווערן געמאכט פון די ערגסטע צובראכענע שמוציגע פארדארבענע, קאליקע אייער, און דאס ווערט פאַרקויפט פאַר בעקערייען, פאַר לאָקשען פּראָדוקטען, אייז קרים, חלות א. ד. ג. (אגב, דאקטורים באהויפטען אז א גרויסע פראצענט פון ווייראס פאציענטן קומט פון דעם), צוקער מיט אלע צוקר פּראָדוקטען צ. ב. ש. קענדי, טשאָקאָלאַד קעקס, אייז קרים, א. ד. ג. רואינירט די ציין, מאגען, און ברענגט ל״ע פאַרשידענע קראנקהייטן ה׳ ירחם.

דאס גשמיות׳דיקע ענדערונג האט געווארפען א שאטען אפען הייניגען מצב פון געזונטהייט, מענטשען קרעכצען שטענדיג פון שוואכקייט, נערוועזיטעט, מרה שחורה, א. א. וו., דאס אלעס האט גורם געווען אז מען האט זיך צוגעוויינט צו גיין זייער אפט מיט יעדע קלייניקייט צום דאקטער, און דארך אסאך באזוכען ווערט מען היימיש מיטן דאקטער און מען לאזט זיך אריין אין פרעמדע זייטיגע שמיסען וואס זעלבסטפאַרשטענדלעך ברענגט נישט קיין יר״ש און ווארצעלט אויס דאס לעצטע ביסעל צניעות און קדושה פון אידישען טאכטער, און נאך א רייע ערנסטע מכשולות וואס מיר קענען דא נישט באשרייבען אויס־פירלעך, זעלבספארשטענדליך אז די שטענדיגע באזוכען איז אויך אַ גורם מען זאל נישט קענען נאכקומען בקביעות מיט צו נעמען א באגלייטערן וועגן יחוד.

מיט דעם איז אויך גרינגער געווען אמאליגע צייטען ווייל די דאקטורים פלעגען קומען אין שטוב אריין (אויסער די גרויסע פראפעסארין), איז ממילא נישט צגעקומען צו יחוד, די פאקטן וועגען די גרויליכע אויפירונג פין דאקטורים איז געווען באשריבן אין עטליכע גרויסע צייטונגען אפאר וואכען צוריק (מיר ברענגען אינעווייניג דעם נוסח פון דעם צייטונג), און עס ווייזט זיך דארט ארויס אז רוב דאקטורים פירען זיך אום־מאראליש.

דעריבער איז א חוב גמור אז די עלטערן זאלען נישט לאזען קיין שום פרוי פערזאן צו א דאקטער אליינ׳ס מיט יחוד, נאר זיי אליינס זאלען באגלייטען, אדער איינער פון די קרובות וואס ווערן דערמאנט אין שו״ע (אה״ע סי׳ כ״ב), ובזכות נשים צדקניות וועלען מיר בקרוב אויסגעלייזט ווערען אמן.

ספר

# אור הצניעות בישראל

## פרק א
## גייסטיגע דאָקטוירים פראָבלעמען — און עצות

איינע פין די שווערסטע און אָנגעווייטיגסטע פראָבלעמען היינט צו טאָג וואָס דאָס איז אויסער דעם גרויסען מכשול פין איסור יחוד, אויך אַ גרויסע וועג צוציקימען צו גאָר ערנסטע שטרויכלונגען, וואָס האָבען שוין פּאַסירט ליידער אין די פאַרגאַנגענהייט, דערפאַר זאָל יעדער זייער פאַרזיכטיג זיין ביים לאָזען די פרוי אָדער קינדער צום דאָקטער.

מיר מיזען אויך ציגעבן אַז מיר האָבען ערהאַלטען מינדלער און טעלעפאָנישע ידיעות פין קלאָרע פאַקטען וועגען גרויסע מכשולות וואָס קימען פאַר טאָג טעגליך ליידער, די האָר שטעלט זיך איינעם קאַפּויער הערנדיג די געמיינזאַמקייט פין דאָקטוירים מיט זייערע אוממאָראַלישע מעשים, עס לאָזט זיך גאָרנישט גלייבען וואָס מען הערט, (אַלס פון פאַרלעסליכע מקורות), און מען זאָל זיך נישט איינרעדען אַז דאָס איז נאָר ביים פרעמדען אַמעריקאַנער עולם, ווייל ליידער זענען מיר אינפאָרמירט אַז טאַקע ביים גאָר היימישען ערליכען עולם, איז דאָ אַ גרויסע פּראָצענט וואָס די דאָקטוירים באַזיכען גיין נישט אַדאָרך הינדערט פּראָצענט עפ״י התורה, ווי עס דאַרף צי זיין, מיר קענען דאָ נישט אַרויסשרייבען גענויע איינצעלהייטען.

מיר ווילען ציטירען עטליכע קלייניקייטען:

א) עס איז אַ מנהג (גהנם) אַז ווען מען באַגריסט אָדער געזעגענט זיך, להבדיל ביי גוים, געט דער דאָקטער די האַנט פאַר פרויען פּינקט ווי פאַר מענער, טייל פרויען האָבען נישט דעם מוהט (איינגעוואָרצלטע אידישע צניעות ברען) אָפּצוזאָגען, געבן זיי צוריק די האַנט טראַכטנדיג עס איז דאָך סייווי נאָר אַ גוי, אָדער פושע ישראל.

אַנדערע מיינען אַז איז נישטאָ קיין איסור פאַר אַ פרוי צו געבן די האַנט, נאָר פאַר אַ מאַן.

ב) דער דאָקטער זעצט זיך שמועסן מיט'ן פאַציענט פין פרעמדע זאַכען וואָס געהערן גענצליך נישט צו דעם דאָקטורישן וויזיט, נאָר בלויז אַ פריינטליכע געשפרעך, דאָס האָט נישט קיין היתר עפ"י התורה, די דאָזיגע שמיסען וואָס ענטהאַלטען אין זיך רייד פין אַ פראָסטען מענטש וואָס איז ליידיג פין קדושה און בלויז אָנגעזאָפּט, פין צייטונגען, ביכער, מאַגאַזינען, טעלעוויזיע, ראַדיאָ, מואווי, טיאַטער, קענען בשום אופן נישט ברענגען קיין יראת שמים נאָר דאָס פאַרקערטע, און וויסען זאָל מען טאַקע אַז דיזע שמיעסען האָבען שוין פאַרדאָרבען אידישע נשמות ביז'ן אָפּגרונד צוגרינדלייגענדיג גלייכצייטיג ערליכע אידישע שטיבער, וואָס לעולם ועד וועט דער פעלער נישט קענען פאַראָכטן ווערן.

ג) מען שעמט זיך צו בעטן פין דאָקטער אַז זיינע באַהאַנדלונגען זאָלען געטוהן ווערען בצניעות.

ד) דער דאָקטער גיט אַ קלאַפּ אויף די פלייצע, און מען שעמט זיך צו זאָגען אַ וואָרט, געוואַלד !!! ביים בית דין של מעלה וועט דאָך די בושה זיין מיליאָן מאָל גרעסער, מיט געציילטע רוהיגע רייד קען מען אויפקלערן אַלעס פאַר'ן דאָקטער, און אויב ער איז נישט צופרידען זאָל מען אַנטלויפען פין דאָרט, ווייל דאָס איז נישט דאָס פלאַץ פאַר אַ אידישע טאָכטער, אַמאָליגע צדקניות האָבען זיך געלאָזט וואָרפן אין פייער און וואַסער צוליב אַזעלכע זאַכען, זאָל מען היינט לכל הפחות דעם קלייניקייט טוהן און אויפקלערען דעם דאָקטער וואָס מען מעג עפ"י התורה, און וואָס נישט. כאָטש דאָס איז נאָך זייער ווייט פין מסירות נפש.

ה) אַ אידענע וואָס איז געגאַנגען צו אַ דאָקטער און געזען אַז ער טויג נישט, און פירט זיך נישט מיט פרויען בצניעות, איז נישט יוצא מיט דעם אַליין וואָס זי ניצט נישט דעם דאָקטער מער, נאָר זי איז מחויב אָפּצורעדן אַנדערע וואָס ניצען יאָ דעם דאָקטער, (עי' ספרי מנוחת שלום ביאור ארוך ונפלא בד"ז).

[זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אַ גרויסע טייל פין די פּראָבלעמען פאַלען אַוועק ווען דער מאַן באַגלייט, אָבער אויב דער מאַן בלייבט זיצען אין וואַרט זאַל, דאַרף ער וואָרענען וועגען די אויבענדערמאָנטע פראָבלעמען (אות א, ב, ג, ד) און עהנליכעס].

ו) דאָס זענען איינצעלנע זאַכען וואָס קען אָפּגעדריקט ווערען פאַר די גאַס, און זענען נאָך קלייניקייטען, דער עיקר דאַרף מען געדענקען אַז ווי מען גייט און ווי מען שטייט נישט קיין חילוק צי מען איז אינדערהיים אָדער איז דער פרעמד, השי"ת זעט אַלעס פין אים איז גאָרנישט פאַר־הוילען, ווי די גמרא זאָגט אַלע טויערן זענען פאַר אים אָפען, אַלע טונקעלע פלעצער זענען פאַר אים ליכטיג, און די חז"ל געבן צו אַז דער וואָס טיט אַ עבירה פאַרבאָרגענערהייט טיט מען דאָס פין הימעל מפרסם

זיין אַזוי ווי מען זעהט שטענדיג, און מורא טאָר מען נישט האָבען נישט פאַר קיין דאָקטער אָדער פּראָפעסאָר, נאָר להבדיל הבדלות עד אין קץ פאַר׳ן מלך מלכי המלכים הקב״ה אַליינס.

ז) מיר קענען נישט און טאָרען נישט פאַרהוילען אַז נישט נאָר ביי דאָקטוירים פּאַסירען די אויבערדערמאָנטע זאַכען, נאָר ליידער פּאַסירט זייער אַסאַך אויך ביי אַרבעטס פּלעצער, און אָפּיסעס. לויט ווי מיר האָבען, נאָך חקירות ודרישות, געהערט, געט מען טיילמאָל פאַר אַ סעילסמאַן וכדומה די האַנט, און מען קען כאַפּען אַ שמיעס מיט אַנדערע מענער אַרבעטער וואָס אַרבעטען אויפ׳ן זעלבן פּלאַץ וואָס די אַלע זאַכען זענען קעגען הלכות פון שלחן ערוך, און מעקט אָפּ דאָס לעצטע פונק פון צניעות און בושה וואָס אַ אידישע פרוי אָדער מיידעל פאַרמאָגט נאָך.

ח) קיין שום איד קען נישט זאָגען אויף זיך שלום עלי נפשי, און מיין הויזגעזינד קען מען לאָזען גיין צו אַ דאָקטער מיטן בעסטן פאַרזיכערונג אַז אַלעס וועט זיין אין אָרדענונג, ווייל די תורה האָט אונז אויף דעם נישט באַרעכטיגט, עפ״י התורה מיז מען אויף יעדן סאָרט דאָקטוירישע באַזוך פאַר פרויען זיכען קודם אַ פרויען־דאָקטער, און כאָטש דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך פאַר יעדן בן תורה, האָבען מיר זיך אינטערעסירט די מיינונג פון גדולי דורינו, און פה אחד האַלטען: הגה״צ מהרי״י וויים שליט״א ראב״ד עיה״ק ירושלים בעמח״ס מנחת יצחק, הגה״צ מהר״י גרינוואלד שליט״א אבדק״ק פאפא, הגה״צ מהר״ם שטערן שליט״א אבדק״ק דעברעצין, הגה״צ מהר״ש הלוי וואזנער שליט״א מח״ס שבט הלוי, הגה״צ מוהר״ר רפאל בלום שליט״א אבדק״ק קאשוי, הגה״צ מוהר״ר אברהם לייטנער שליט״א אבדק״ק מאנטעווידעא. מיט נאָך אַנדערע רבנים, גאונים, צדיקים ואדמורי״ם, אַז יעדער וואָס האָט נאָך אין זיך אַ פינק פון קדושה, דאַרף זיך אָנשטרענגען איבערן יכולת צו ניצען פאַר זיין פרוי אויסשליסלעך אַ פרויען דאָקטערין, בפרט אין אַזאַ דור שפל ווי היינט, ד׳ ירחם.

## פרק ב

## פסיכאָלאָגען (Phsycology)

א) מיר ווילען באַמערקען אַז פרויען אָדער מיידלישע באַזיכען ביי פסיכיאַטאָר, זענען מיט גאָרנישט גרינגער כאָטש די פונקציע פון דעם דאָקטער איז צו רעדען פריוואַט מיטן פּאַציענט, פינדעסטוועגן איז דאָס אסור עפ״י התורה אויב עס איז פאַרבינדען מיט יחוד, און וויסען דאַרף מען אַז עס איז נאָך אַ סאַך ערגער, ווי סתם דאָקטוירים, ווייל דער שטייגער ביי די דאָקטורים איז אויסצופרעגן אַלעס וואָס איז דאַרכגע־

גאַנגען דעם פּאַציענט זינט זי לעבט אויף דער וועלט, כּדי אַרויסצו־קלאַפּען דאָס אינערליכע דריקונגען פינעם גייסטליכען מענטשליך געפיל, צ.ב.ש. מען ברענגט אַרויס אַז מען איז געווען אינטערדריקט פין די עלטערן, און מען טיט דאָס אַוועקמאַכען און דורכדעם שפירט זיך דער פּאַציענט גרינגער, און טאַקע דערפאַר ווייל דער גאַנצער באַזוך גייט אַדאָרך מיטן שמיעסן אַלע פאַרבאָרגענע געהיימניסען קען דאָס ברענגען צו גרויסע מכשולות, און נישט בלויז עס קען, נאָר עס האָט שוין ליידער חרוב געמאַכט שטיבער פין היימישע שומרי תורה ומצוה. דעריבער דאַרף מען זייער פאָרזיכטיג זיין איידער מען שיקט צי אַזאַ דאָקטער, אין דאָס זאָל מען נאָר טוהן נאָכדעם וואָס מען רעדט דאָס דאָרך מיט אַ ערליכען פאַרלעסליכען רב, וואָס איז פּינקטליך באַקאַנט מיט די אַרבעט, און פאַר־שטייט און ווייס די שטרויכלונגען וואָס קימען דאָרך איר, אויסערדעם וואָס זיי פּאַקען אַרויס פיל אַפּיקורסישע מיינונגען וואָס זענען גענצליך קעגען די תורה, וואָס איז שעדליך אויך פאַר מענער פּאַציענטן, און אפילו אויב דער רב טיט דאָס רעקאָמענדירען, טאָר מען אויך נישט גיין אויב עס גרעניצט זיך מיט איסור יחוד, זעה אויבען דיני יחוד די איינצעלהייטען פין הלכות יחוד.

ב) מיר האָבען זיך אַסאַך אָנגעהערט פין די סקאַנדאַלען וואָס קימען פאָר ביי דיזע סאָרט דאָקטורים, דערפאַר נעמט דאָס נישט אָהן גרינג. גלייכצייטיג איז דאָ דער פאַסיגער אָרט מודיע צו זיין אַז עס זענען פאַרהאַנען היימישע ערליכע שומרי תורה ומצות וואָס באַפאַסען זיך מיט געבן פסיכישע לעקציעס, און לשם מצוה. דעריבער אין נויט פאַל זאָל מען זיך צו זיי ווענדען, אָבער זעלבסטפאַרשטענדליך אַז די דינים פין יחוד זאָלען ווערען פוהלשטענדיג אויסגעפאָלגט.

## פרק ג

## קיראַפּראַקטער (Chiropracter)

א) נאָך אַ מין דאָקטערײ וואָס מיר מיזען דירעקט אויפמערקזאַם מאַכען איר הארבקייט ביי פרויען באַזוכען, דאָס איז דער סאָרט וואָס ריפט זיך קיראָפּראַקטיק (Chiropractic), אין געוויסע אומשטענדען איז דאָס סאַך ערגער ווי אַלגעמינע דאָקטורים פאַר די וואָס זענען באַקאַנט אין דעם, דערפאַר טוען מיר אויפקלערן דעם חרדישען אידענטום אַז פרויען זענען נישט באַרעכטיגט צי נעמען טריעטמענטס (Treatments) פין די סאָרט דאָקטורים נאָר אויב עס פעלט שטאַרק אויס צום געזונט און מען האָט נישט קיין ברירה און מיט די באַראַטונג פין ערליכע מורי הוראה, נאָכדעם וואָס מען געט אַראָפּ פאַר זיי דעם גאַנצען סדר און סיסטעם פונעם

דאָקטער, און זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז נאָר ווען די הלכות פון יחוד ווערען פולקאָם איינגעהאַלטען ווי עס שטייט אין שו״ע (אה״ע כ״ב), זעה אויבען הלכות יחוד, און דאָס אויך נאָר ווען מען קען נישט צוקומען צו אַ פרויען דאָקטער.

## פרק ד

## וויכטיגע התעוררות

א) חשובע תורה טרייע אידען! וואָס איר ווילט זיין געזיכערט אַז איר פירט אַ כשר׳ע הייליגע משפחה לעבן, נעמט נישט גרינג די אַלע זאַכען! ווייל דאַרך דעם קען מען ח״ו פאַראומגליקליכט ווערן לעולם ועד!! נעמט אין באַטראַכט אַז צו זיכען אַ קלייד אָדער מאַנטעל שפּאָרען די פרויען נישט קיין מיה און צייט און מען פאָרט פון איין עק ניו יאָרק ביזען אַנדערן, אויף געלט קאָרגט מען לגמרי נישט, דער עיקר מען זאָל טרעפען דעם געוויסען מלבוש וואָס מען זיכט, ווער רעדט נאָך ווען עס האַנדעלט זיך פון מעבל קויפען אָדער אַנדערע שטיב געצייג, דאַן איז גאָר קיין גרעניץ נישט דאָ צום געלט, צייט, און כח, וואָס מען ספּענדעט. כאָטש מען לאָזט אַלעס איבער אויף דער וועלט, נאָך הינדערט און צוואַנציג יאָר.

אָבער עס האַנדלט זיך צו פאָרען צו אַ פרויען דאָקטער וואָס דאָס איז אַמאָל אַ לעבענ׳ס פראַגע און דער צענטראַל פּונקט פון גאַנצן שטיב, איינשליסענדיג דעם צונוקפט פון די קומענדיגע דורות, ווערט מען באַקוועם און אויב דער וועג וועט קאָסטען נאָך 20 מינוט פאַרציכטעט מען אויפען גאַנצען, דאָס זעלבע מיט געלט, טאָמער דאַרף עס קאָסטען אַ פּאָר הינדערט דאָלאַר טייערער, קומט נישט אין באַטראַכט דאָס גאַנצע.

ב) ווי קען מען זיין אַזוי פאַרבלענדעט נישט איינצוזען ווי אַזוי מען מאַכט פון עיקר אַ טפל און פון טפל אַ עיקר, ווייל ליידער זענען שיינע אויגעפיקסטע העכסט באַקוועמע וואוינונגען מיטען פוהלען פראַכט צונישט געוואָרען און באַנקראָטירט דאָס גאַנצע אידישקייט, צוברעכנדיג אַ גאַנצע שטיב, מיט עטליכע דורות, דאַרך אַזוינע דאָקטורישע באַזוכען, אויב די איינוואוינער זענען נישט פאַרזיכערט מיט זייער עקזיסטענץ וואָס האָט מען פון די שיינע העכסטע מאָדערנע דירה, דעריבער אויב מען וויל שפּאָרען געלט דאַרף מען דאָס טוהן ביי די שטיב אויסגאַבען, נישט אויפען חשבון פון אידישקייט. מיר מיזען נאָכאַמאָל באַמערקען אַז די אַלע אויבענ־דערמאָנטע זאַכען זענען געשריבען מיט די גרעסטע זהירות און פאַראַנט־וואָרטליכקייט, אָהנע שום גוזמאות, און איבערגעטריבנקייט, נאָר פון לעבעדיגע ביישפּילען די לעצטע 10 יאָר.

ג) נאָך זענען מיר מעורר אַזוי ווי טיילמאָל זענען פרויען נישט

באהאווענט וואס איז מותר און וואס נישט, דערפאר איז ראטזאם אז דער מאן זאל איבערשמיסען מיט איר דאס גאנצע סדר פין אנהייב ביזן סוף וויאזוי עס גייט דורך איר וויזיט ביים דאקטער, דאס זעלבע זאלען עלטערן איבערשמיסען מיט זייערע קינדער וואס גייען אויף דאקטוירישע באהאנד־לונגען.

ד) דעסטגלייכען בעטן מיר בכל לשון של בקשה פין אלע רבנים און מנהיגים וואס האבען השפעה אויף בעלי בתים, צי רעדן און מעורר זיין וועגען דעם הארבען שטרויכלונג פין דאקטוירים באזיכען און אויס־לערנען די הלכות פון יחוד סיי וואס איז וויכטיג פאר מענער, און סיי וואס איז וויכטיג פאר פרויען, און דארך דעם וועלען זיי האבען א געוואלדיג חלק אין זכות הרבים.

ה) און נישט נאר רבנים נאר אפילו סתם בעלי בתים זענען מחויב צי טוהן לויט זייערע כחות, צ.ב.ש. רעדן צי זייערע קרובים, חברים, שכנים ביי די ארבעט, א.א.וו. די מינימאלסטע וואס מען איז מחויב לכה״פ אכטונג צי געבן ביי זיך אין שטיב, ווייל אהן דעם איז מען זיכער נישט יוצא.

## פרק ה

אויפקלערונג !!

די אלע אויבענדערמאנטע איסורי יחוד זענען אויסער דעם איסור פון זיין אליינס מיט א גוי וואס איז אסור אפילו פאר א מאנס־פערזאן מיט א גוי. ע״כ וועלען מיר ציטירען די הלכות פון יחוד מיט א גוי.

### דינים פין זיין אליינס (יחוד) א איד מיט א גוי

א) א איד טאר נישט זיין אליינס מיט א גוי, ווייל זיי זיינען נחשד צו הארגענען (יור״ד קנג, ב), אויב עס קומט אויס אליינס צו זיין מיט א גוי צום ביישפיל א ארבעטער א.ד.ג., זאל מען פרעגן א שאלה, ווייל אויב ח״ו עס פאסירט עפעס איז מען זיך אליינס שילדיג ווייל די חכמים האבן געזאגט אז מען טאר נישט.

ב) דאס זעלבע דארף מען אויך אכטונג געבן אויב עס קומט אריין אין געשעפט א גוי און מען איז מיט אים גאנץ אליינס, א.ד.ג.

ג) אויב א איד טרעפט זיך מיט א גוי ארויפגייענדיג די שטיגען, אדער אראפגייענדיג, זאל דער איד זיין פין אויבען, און דער גוי אינטער אים, נישט פארקערט וועגן סכנה ח״ו, (שם ג).

ד) א איד זאל זיך קיינמאל נישט אראפבייגען נעבן א גוי, (שם ג).

ה) אויב אַ גוי טרעפט זיך מיט אַ איד און פרעגט אים ווי ער גייט זאָל ער אים אייביג זאָגען אַ ווייטערע'וועג ווי דער אמת, (שם).

ו) מען טאָר זיך נישט לאָזען אָפּשערן די האָר דורך אַ גוי נאָר דאָרט ווי מענטשן דרייען זיך (קנ"ו, א).

לויטן האריז"ל זאָל מען זיך קיינמאָל נישט לאָזען אָפּשערן פין אַ גוי כדי אַז זיין צורה זאָל נישט אויסגעמישט ווערן מיטן צורה פונעם גוי (משנת חסידים פ"ה או' ב, כהה"ח ר"ס או' י"ג וז"ל: וטוב שלא לגלח ע"י עכו"ם שלא לאתערבא צולמא דידי' בצולמא דעכו"ם כו', ע"כ).

## פרק ו

וואָרנונג !!

עלטערען זייט געוואָרענט נישט צו לאָזען די טאָכטער (כלה) צום דאָקטער אָהנע אייער באַגלייטונג, ווייל אויסער דעם איסור יחוד, גיבען דאָקטורים פאַר די כלות גוי'שע הדרכות וואָס איז קעגען די תורה און קעגען צניעות, אגב וועלען מיר שוין ציטירען די הלכות פין יחוד חתן כלה נאָך די חופה.

## דינים פון יחוד חתן־כלה נאָך די חופה

א) נאָך די חופה גייען די חתן־כלה אַריין אין אַ שטיב, און מען דאַרף אַכטונג געבן אַז אַ קורצע ציט זאָל קיינער נישט אַריינגיין אין דעם שטיב כדי עס זאָל זיין אַ כשר'ע יחוד לויט אַלע דיעות (דעת רוב הפוסקים שיהא יחוד הראוי לביאה, כמבואר בב"ש אה"ע סי' נ"ה סק"ה בשם הב"ח, מהרי"ל ה' נשואין, וכ"כ בפת"ש סי' נ"ה סק"ה באורך, וכ"כ במסגה"ש על הקש"ע קמ"ח סק"ב וכ"כ בשלחן העזר סי' ח' בסופו, ובמהרי"ל שם קרא תגר על מה שאין נזהרין בזה, ע"ש).

ב) דער שיעור יחוד איז לכה"פ פינעף מינוט (שו"ת מנחת יצחק ח"ד סי' צ"ד־צ"ז).

ג) טייל מדקדקים פירן זיך כאָטש 10 מינו"ט (עי' שו"ת מנחת יצחק שם. ותראה דיש מקום לומר שהשיעור יותר מה' מינו"ט, ומה שהחליט שם לה' מינו"ט המעיין שם בסוף סי' צ"ה יראה דמטעם ששם כל מה שקטן יותר חמיר יותר ונקט כעין שיעור אמצעי, והוא בעצמו הביא שם דהגאון מהר"ז מבריסק ז"ל החמיר שעדי יחוד ימתינו שם זמן מסויים, והי"ל חומרא גדולה בשיעור הזמן, וסיים בשו"ת הנ"ל דאולי מטעם שלחומרא נקט זמן היותר גדול, ע"כ. וע"כ לענ"ד טוב להחמיר בפרט שעיקר הם הנשים המבוהלין ליכנס בחדר יחוד בזמן קט, לצורך צילומים (פאטאגראפירן) וכיוצא משאר הבלים, אשר בודאי אין כדאי לוותר אפילו על חומרא רחוקה בעבור הבלים כאלו, וד"ל).

ד) כדי יוצא צו זיין לויט אַלע דיעות, זאָל מען פאַרשפאָרן אינעווייניג אין יחוד שטיב נאָכ'ן אַריינגיין (משני טעמים, חדא דלדעת רוב הפוסקים בנתייחד עם

אשה והחדר נעול ולא סגור במסגרת אינו יחוד, והם הרשב״א, רדב״ז, מבי״ט, רבינו יונה בס׳ היראה, שו״ת בנין ציון, המהרש״ם, חכמ״א, שו״ת דובב מישרים, ועוד. והמעין היטב בשאר פוסקים הסוברים דהוה יחוד יראה דשפיר י״ל בחדר יחוד שהנשים מסתובבים ודוחקין ליכנס בכל איזה רגעים גם הם מודו דאינו יחוד, ע״ש. וטעם שני דאז יהי׳ בטוח שיוכל להתייחד כדבעי אבל בלא״ה הנשים דוחקין ליכנס וקשה להתייחד. ובספרי נשואי ישראל כהלכתה הארכתי).

ה) דער יחוד דאַרף זיין אין אַ שטיב וואָס געהער פאַר׳ן חתן (אה״ע סי׳ נ״ה, סי׳ דה״ח, מ״ב סי׳ של״ט ס״ק ל״ב), דערפאַר אַזוי ווי היינט מאַכט מען די יחוד אין אַ שטיב פין די חתונה זאַל זאָל מען זיך אויסנעמען מיטן בעל הבית פין זאַל אַז דער יחוד שטיב דינגט מען אָפּ פאַרן חתן.

ו) צוויי כשר׳ע עדים דאַרפן שטיין ביי די יחוד שטיב זעהן וויאַזוי חתן־כלה גייען אַריין און וואַרטן דאָרט אַ שיעור יחוד (זעה פריער אוֹ׳ ב־ג דעם שיעור), (כן בירר בשלחן העזר סי׳ ח׳ סק״ב באורך מד׳ הפוסקים, ע״ש).

און דערפאַר דאַרף מען אַכטונג געבן ביי די יחוד שטיבער וואָס האָבן צוויי טירן אויב מען וויל יוצא זיין מיזען זיין עדים בייביידע טירן (הדבר פשוט דלד׳ הפוסקים דבעינן עדים על היחוד מאי מהני אם יעמדו אצל פתח אחד ויראו שהם מתייחדים והלא בידם לצאת מפתח השני בלי שידעו העדים כלום, ועי׳ באות שאח״ז).

אויב די עדים קענען דאָרט ווי זיי שטייען זעהן איז גענוג, (עי׳ בהערה הנ״ל ותבין).

## פרק ז

חפץ ד׳ בידינו הצליח, מיט שבח והודאה פאַרן רבש״ע אויף זיינע פילע חסדים טוען מיר באַקאַנט מאַכען פאַרען ברייטען חרדישן ציבור, אַז דער פסק דין פין גדולים ירושלים, און גדולי חו״ל וואָס האָבען געאַסר׳ט דאָס גיין צי דאָקטורים, פאַר מיידלעך, און פרויען אַליינס, אָהן באַגלייטונג, וואָס דאָס איז פאַרבינדען מיט איסור יחוד און אַנדערע גרויסע שטרויכלונגען, וואָס מיר האָבען מפרסם געווען עטליכע מאָל, האָט שרעקליך שאָקירט דאָס גאַנצע חרדישע אידענטום, און אַריינגע־ברענגט אַביסעל וואַכזאַמקייט אין געביט פין יחוד, אַזוי נאָך האָט דער עולם היהדות החרדית אָנגענימען פעסטע באַשלוסען אויפען עתיד, נישט צי לאָזען קיין שום מיידעל (העכער 3 יאָר), אָדער פרוי, צי קיין שום דאָקטער אויף דער וועלט אָהנע באַגלייטונג.

ב) די פוסקים שרייבען אַז דער איסור יחוד איז פין די עבירות וואָס מען דאַרף זיך לאָזען האַרגענען און נישט עובר זיין, (טוטו״ד מהד״ק קצ״ב, שם ארי׳ לה, ועי׳ דבר פלא בשו״ת הריב״ש סי׳ כו).

ג) צום שלוס: חשובע עלטערן נעמט נישט די זאַכען גרינג, באַרעכנט אייך גיט און זייט פאָרזיכטיג וואָס פאַר אַ ערנסטע שריט דאָס איז צי גיין

אַליין צי אַ דאָקטער, פאַרגעסט נישט אַז עס האָבען שוין פּאַסירט ליידער צענדליגע אומגליקען וואָס האָט ציבראָכען אידישע שטיבער, אין געברענגט אַ געוויין אויף דורי דורות, און מען האָט שוין נישט געקענט העלפען, מען האָט זיך פאַרשפּילט דאָס לעבען אויף אייביג ד׳ ישמרנו, צוליב אַזעלכע דאָקטורים, און גלייכצייטיג ראַוינירט דאָס לעבען און צונוקפּט פון אומשולדיגע קליינע קינדער, וואָס ווערען דערנאָך פאַר־יאָגט און געפלאָגט, אויסער די הימלישע פיזישע שטראָף וואָס איז ליידער זייער ביטער. דאָס איז אַלעס חוץ דעם איסור יחוס וואָס מען איז עובר יעדענפאַלס, איז פונקט אַזוי האַרב ווי עסען חזיר אָדער אַנדערע עבירות און נאָך האַרבער, אפילו ווען דער דאָקטער איז דער גרעסטער צדיק.

ד) גלייכצייטיג ווילען מיר אויך באַמערקען אַז מען מיז זיין געוואָרענט און שטרענג אָנזאָגען פאַר די גאַנצע משפחה, זיך ח״ו נישט צוצירירען צו די טריפה ביכער און מאַגאַזינען וואָס ליגען אין וואַרט זאַל ביים דאָקטער, און אַודאי און אַודאי נישט ח״ו קיקען אויפן טעלעוויזיע וואָס אַרבעט [אויב מען קען בשום אופן נישט פועל׳ן דאָס אויסצולעשן] וואָס אַלע גדולים אין א״י און אין חו״ל האָבען געאַסערט מיט די גרעסטע האַרבקייט ווייל דאָס פאַרברענט ח״ו די נשמה, און אפילו דאָרט ווי די ראַדיאָ רעדט אָדער זינגט א.ד.ג. זאָל מען אויך געוואָרענט זיין. זיך נישט צוציהערן נאָר זיך פאַרשמיסען מיט אַ חבר (חברותא) אָדער מיטנעמען פין שטיב ערליכע ליין מאַטריאַל.

אַזוי אויך דאַרף מען אַכטונג געבען אויב מען לאָזט קינדער גיין באַזוכען חברים מיט חבר׳טעס, אַז זיי זאָלען נישט גיין אין שטיבער ווי עס געפינט זיך דאָס אויבענדערמאָנטע, ווייל דער יצר הרע האָט אַ גרויסן ווירקונג אויף קינדער ווען זיי זענען נישט אינטער די אויפזיכט פין די עלטערן.

דערפאַר האַלט שטענדיג אַן אָפּענעם אויג סיי אין ענין פון דאָקטורים באַזיכען פאַר קינדער אָדער ערוואַקסענע, סיי אַנדערע אופנים וואָס מאַכט זיך טאָג טעגליך איסור יחוד (קיק ווייטער אר׳ ז׳) און אין דעם זכות וועלען מיר אַלע זוכה זיין צי סייעתא דשמיא, וואָס אָהן דעם איז אַלעס אומזיסט, ווייל אויב אַ איד טוט וויפיל ער איז מחויב עפ״י התורה, העלפט מען דאָס איבריגע פין אויבען, (שבת קד, יומא לח:, ע״ז פח:, זוה״ק ח״א נד. סב. — ח״ב עט: — ח״ג נג:, קכו., קנה:, ובשאר ספה״ק), ובזכות זה וועלען מיר זוכה זיין מגדל צי זיין הייליגע אידישע דורות וואָס זאָלען ווייטער ציען די גאָלדענע קייט פין קדושה און צניעות, ביז אייביג, און מיר וועלען זוכה זיין אין זכות פון די נשים צדקניות אויסגעלייזט צי ווערען פין דעם לעצטען גלות, בביאת משיח צדקינו בגאולה האמתית הקרובה אמן.

עס איז כדאי צו באַמערקען וואָס דער רבינו יונה שרייבט: פין די

מצוה השבת אבידה, קען מען זיך אָפלערנען אַז מיר זענען מחויב צו טוהן יענעם צו העלפען און ראַטעווען און צו געבן אַ עצה אין אַ עת צרה.

עס איז דעריבער אַ גוטע זאַך אַז אין יעדע שטאָט זאָל זיין מענטשען וואָס זענען פרייוויליג מתנדב צו זיין גרייט מציל צו זיין ווען אַ אידישער מאַן אָדער פרוי זענען אין אַ צרה רח"ל (שע"ת לר"י, וכ"כ בחרדים מל"ת מה"ת בידים פ"ה).

נ.ב. אַזוי ווי רוב מענטשען האָבען נישט קיין באַקאַנטשאַפט ביי די גרויסע דאָקטוירים קערפערשאַפט וועלכער דאָקטער טיט זיך ספעציאַ־ליזירען און וועלכן קראַנקהייט, און עס זאָל זיך נישט טרעפן, אין אַ גיטע צייט (בלס"נ) שטייט מען פאַרצווייפעלט נישט וויסענדיג ווי אַהין זיך צו ווענדען גיבן מיר אַ עצה טובה זיך צו פאַרבינדען מיט'ן וועלט'ס מפורסם־דיגען עסקן להצלת נפשות, וואָס האָט שוין מיט זיינע פיזישע און גייסטישע כשרונות באַוויזן מציל צו זיין הינדערטער אידישע לעבענ'ס, און אַליינס געגרינדעט די וועלט'ס באַרימטע „הצלה" אָרגאַניזאַציע, וואָס אירע וואויל טעטיגקייטען האָט כמעט צו זיך קיין גלייכען, טאָג טעגליך ווערן מענטשען אַרויסגעהאָלפען אָהנע שום געלט באַלוינונג, וואויל איז זיין חלק אויף דער וועלט — און יענער וועלט, הרב מו"ה צבי (הערשל) וועבער נ"י, וואָס שטייט צו הילף 24 שעה אין מעת לעת פאַר יעדן פאַר־צווייפעלטן מענטש, און מיט השי"ת'ס הילף וועט ער מיט זיין אומבאַ־גרעניצט'ן רחמנות געפיל און מיטלייד זיכען אַרויסציהעלפן מיט געטריי־שאַפט, באַניצענדיג זיך מיט זיין גרויס באַקאַנטשאַפט צווישען דאָקטוירים און פראָפעסאָרען, השי"ת זאָל באַשירמען יעדן אידישען נפש זאָל נישט וויסען פון קיין צער וצרה, נאָר שמחה וששון צהלה וחדוה, עד עולם אמן.

ת. ו. ש. ל. ב. ע.